ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# פקודי

אידיש

**823**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק מה-מו

## פקודי

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די וויכטיגקייט פון מכוון זיין יחודים פאַר די שכינה הקדושה. - ווען מען זיצט בטל פון טוהן אַ מצוה, זאָל מען קוקן אויף די ציצית. - דער תכלית פון דעם מענטשנ'ס באַשאַף איז פאַר זיין נשמה. - די חשיבות פון ענטפערן "אמן יהא שמיה רבה", און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - דער רבי זאָל בענטשן זיין תלמיד מיט קינדער תלמידי חכמים.

די וויכטיקייט פון האָבן אַ ריינעם גוף און ריינע קליידער צום דאַווענען. - זאַכן וואָס זענען מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם אויבערשטן. - די שניידערס דאַרפן זיין געוואָרענט פון דעם איסור פון גניבה, און אַ מעשה דערויף. - נישט אָנצוטוהן צוויי בגדים צוזאַמען. - די מצוה פון מזוזה, און אַז דער אָרט וואו עס געפינט זיך די מזוזה אויף דער שוועל, זאָל זיין ריין. - דער עונש פאַר מבטל זיין די מצוה פון מזוזה, און דער שכר פאַר מקיים זיין די מצוה.

# אינהאלט

## פון פרקים מ״ה - מ״ו

**א.** אין פרק מ״ה ווערט ערקלערט די וויכטיקייט פון מכוון זיין יחודים פאר דער שכינה. - ווען מען איז ליידיק פון מצוות, זאָל מען קוקן אויף די ציצית. אַ מעשה פון זוהר וועגן ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״. - די ברכה פון אַ רבי צו זיין תלמיד זאָל זיין ער זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים. ........ ה

**ב.** דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו קומען אויף דער וועלט פאַר די הנאה פון זיין גוף, נאָר פאַר דעם תועלת פון דער נשמה ........ ו

**ג.** דער רבי וואָס בענטשט זיין תלמיד מיט קינדער תלמידי חכמים, זאָל אים אויך בענטשן אַז ער זאָל זוכה זיין זיי צו דערציען ........ יב

**ד.** אַ יונגערמאַן זאָל נישט זאָגן דברי תורה פאַר עמיצן וואָס איז עלטער פון אים ........ יב

**ה.** ווי וויכטיג עס איז מקיים צו זיין יעדע מצוה ........ יג

**ו.** אין פרק מ״ו ווערט ערקלערט דער חיוב צו האָבן אַ ריינעם גוף ביים דאַווענען. - אויך דאַרף מען זיין געוואָרענט צו האָבן ריינע און שיינע קליידער ספעציעל פאַרין דאַווענען. - זאַכן וואָס זענען מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם אויבערשטן. - די שניידערס דאַרפן זיך היטן פון גניבה. - אַ מענטש זאָל זיך נישט אָנקליידן מיט צוויי בגדים אויף איינמאָל. - די מצוה

פון מזוזה, דער עונש פאַר מבטל זיין די מצוה און דער שכר פאַר מקיים זיין איר. ........ יד

ז. שאול המלך האָט אָנגעטוהן אַ באַזונדערן קלייד בשעת ער האָט געדאַוונט, און ווען ער האָט געדאַרפט טוהן זיינע באַדערפענישן האָט ער דאָס קלייד אויסגעטוהן ........ יד

ח. די שוהל איז אַ "בית מקדש מעט", און דעריבער דאַרף מען דאָרט אַריינקומען מיט שיינע קליידער ........ טו

ט. אין שבת דאַרף מען טראָגן ריינערע און שענערע קליידער ווי אינמיטן דער וואָך ........ טו

י. אויך קליידער פון שעטנז זענען מעכב די תפילה ........ טז

יא. אויך קליידער פון גזל זענען מעכב די תפילה ........ טז

יב. דער אַרבעטער טאָר נישט קאַליע מאַכן דאָס קלייד, אָדער נעמען פאַר זיך וואָס עס בלייבט איבער ........ יז

יג. מ'דאַרף זיין געוואָרענט נישט אָנצוטוהן צוויי קליידער מיטאַמאָל, ספּעציעל ביי די בגדי שבת ........ יט

יד. ווען דער ש"ד זעהט דעם שם שד"י אויף דער מזוזה, קען ער נישט מזיק זיין ........ כ

❖ ❖ ❖

# פרק מ״ה

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די וויכטיקייט פון מכוון זיין יחודים פאר דער שכינה. - ווען מען איז ליידיק פון מצוות, זאָל מען קוקן אויף די ציצית. אַ מעשה פון זוהר וועגן ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״. - די ברכה פון אַ רבי צו זיין תלמיד זאָל זיין ער זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים.**

**א. איתא,** עס שטייט אין די כתבי האר״י ז״ל (עיין שער היחודים דף ג׳), עס איז אַ גרויסע מצוה זיך אויסצולערנען די יחודים פון דער שכינה, און מיט די כוונות און יחודים העלפט מען די שכינה כביכול און מען איז מקרב די גאולה. נאָר נישט יעדער מענטש קען מייחד זיין די יחודים אין זיין תפילה אָדער בשעת ווען ער טוט אַ מצוה, אָדער ווייל ער האָט נישט גענוג אַ ידיעה אין קבלה, אָדער ווייל ער איז נישט זיכער אין זיך אַז ער וועט קענען ריכטיג מכוון זיין די יחודים און ער זאָל נישט קומען צו אַ הרהור אינמיטן דאַווענען, וואָס דאַן וועט אויסקומען אַז ער וועט גאָר קאַליע מאַכן און נישט פאַרריכטן, ווייל אַ מענטש איז נישט אייביק טהור און מען טאָר נישט עוסק זיין אין קדשים, אין די הייליקע זאַכן ווען מען איז נישט ריין פון קרי, און מען טאָר נישט מייחד זיין קיין שום יחוד אויב מען האָט זיך נישט געֹטובל׳ט פון דעם קרי.

**ב. על כן,** דעריבער איז מען פאַרזיכערט אַז דער באַרעמהאַרציקער באַשעפער וועט אַוודאי אָננעמען מיט זיין רחמנות די תפילה וואָס אַ איד דאַווענט מיט דער פשוט׳ער כוונה, וואָס ער האָט אין זינען דעם טייטש פון דער תפילה אָן אַ מחשבה זרה, נאָר פאַר דער תפילה זאָל ער זאָגן ״לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״, און דאַן וועט ער זיך נישט אָפּטיילן פון דער קדושה.

**ג. וכדמצינו,** און אַזוי ווי מיר געפינען אין דער גמרא מסכת עירובין (דף כ״ח עמוד ב׳), ווען רבי זירא האָט נישט געהאַט קיין כח צו לערנען, האָט ער זיך געזעצט ביי דער טיר פון רבי יודא בר אמי וואָס דאָרט זענען געווען די חכמים, און האָט געזאָגט, אַז די רבנן וועלן אַריינגיין און אַרויסגיין, וועל איך פאַר זיי אויפשטיין, כדי איך זאָל נישט זיין ליידיק פון מצוות.

**אַזוי** איז אויך מקובל פון ערליכע אידן, אַז ווען זיי זענען געווען ליידיק פון מצוות, האָבן זיי גענומען די ציצית אין דער האַנט און האָבן געקוקט אויף זיי, און דאָס איז אַ גרויסער ענין, וואָס די וועלכע זענען באַקאַנט מיט די סודות פון קבלה זענען מכוון אַ גרויסן און פאָרכטיקן שם וואָס איז בגימטריא תכל״ת, ווייל תכל״ת באַטרעפט 850, און דער מענטש איז מחויב צו זעהן מיט זיינעביידע אויגן די ציצית, און צוויי מאָל דאָס וואָרט ״עין״ איז די צאָל 260, און מיט דעם וואָרט ״הציצית״ איז עס בגימטריא 850, אַזוי ווי די צאָל פון וואָרט ״תכלת״.

**דאָס** אַלעס האָב איך בקבלה בשם דעם גאון רבי יעקב העמדל״ש זכרונו לברכה פון לובלין, און מיט דעם טוט ער אָפּ די פינצטערניש, וואָס ירמיה הנביא האָט דערויף געזאָגט (איכה ג, ב) ״אוֹתִי נָהַג חֹשֶׁךְ וְלֹא אוֹר״, און אַז דער מענטש וועט אין זינען האָבן צו דערלייכטן זיינע אויגן מיט די ציצית, וועט ער מבטל זיין יענע פינצטערניש וואָס איז מפסיק צווישן אונז און די הייליגע שכינה.

## דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו קומען אויף דער וועלט פאַר די הנאה פון זיין גוף, נאָר פאַר דעם תועלת פון דער נשמה

**ד. הכלל,** דער כלל איז, אַז דער אויבערשטער האָט נישט באַשאַפן דעם מענטש אַז ער זאָל זיין אויף דער וועלט פאַר די הנאה פון זיין גוף, ווייל דער גוף ווערט שפעטער פאַרלענדט אין דער ערד,

נאָר דער מענטש קומט אויף דער וועלט פאַר דער טובה פון זיין נשמה וואָס זי איז אויסגעקריצט געוואָרן פון אונטער דעם כסא הכבוד, און זי איז אַ חלק אלוקי ממעל, צו פאַרריכטן און באַצירן די נשמה מיט מעשים טובים כדי מקרב צו זיין די גאולה שלימה, און דאַן ווערט געריניקט אויך דער גוף און ער לייכט מיט אַ גרויסע ליכט, בפרט ווען דער גוף ווערט אָנגעוואַרעמט צו טוהן אַ מצוה.

**ה. ולא,** און נישט אומזיסט האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט ״העונה אמן יהא שמיה רבה בכל כחו מצננין לו הגיהנום״, דער מענטש וואָס ענטפערט געהעריק ״אמן יהא שמיה רבה״ מיט זיין גאַנצן כוח, קילט מען פאַר אים אָפ דעם גיהנום. און דער פירוש דערפון איז נישט אַז ער זאָל גאַנץ הויך שרייען ״אמן יהא שמיה רבה״, ווייל עס איז מעגלעך אַז דאַן וועלן די ליצנים אָפלאַכן פון אים, נאָר די כוונה איז אַזוי ווי דער זוהר שרייבט אין פרשת פנחס (דף ר״כ עמוד א׳) אַז דער מענטש דאַרף מעורר זיין אַלע זיינע איברים מיט אַ שטאַרקן כוח ווען ער זאָגט ״אמן יהא שמיה רבה״, און דערמיט ווערט ער צעברעכן זיין האַרץ און אויך דאָס מיליטער פון דער סטרא אחרא, און אויך די רשעים געפינען רוה אין גיהנום אין זכות פון דעם וואָס מען ענטפערט געהעריק ״אמן יהא שמיה רבה״, ווי עס שטייט אין זוהר פרשת נח (דף ס״ב עמוד ב׳).

**ו. בזמנא,** אין דער צייט ווען די אידן ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״ מיט אַ הויך קול, ווערט דער אויבערשטער ברוך הוא פול מיט רחמנות און ער גיט דאַן לעבן פאַר אַלע. דער אויבערשטער ווינקט צו דעם מלאך וואָס הייסט סמריא״ל, וואָס אין זיין האַנט זענען די שליסלען (צו דעם גיהנום), און ער עפנט דריי טויערן צו דער זייט פון דעם מדבר, און דאַן זעהען די רשעים די ליכטיגקייט.

**דערנאָך** קומט אַ רויך און פאַרשטאָפט די לופט פון די טויערן אַז די

רשעים זאָלן נישט זעהן די ליכטיקייט. דערנאָך גייען דריי מלאכים וואָס זענען אונטער דעם רשות פון דעם מלאך וואָס הייסט סמריא״ל, און זיי בלאָזן אַוועק דעם רויך און דאָס ליכטיגקייט קערט זיך ווידער צו די רשעים אויף אַנדערהאַלבן שעה, אין זכות וואָס די אידן ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״ יעדן טאָג, און דערנאָך קערן זיך די רשעים אום צום גיהנום.

**ז. ובא וראה,** און קום און זעה ווי געליבט איז דאָס זאָגן ״אמן יהא שמיה רבה״ פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא. ווייל דער זוהר ברענגט אַ מעשה אין פרשת תרומה (דף קס״ה עמוד ב׳ - דף קס״ט עמוד ב׳) ווי פאָלגענד:

**רבי** חייא און רבי אבא זענען איינגעשטאַנען אין אַ גאַסט הויז. זענען זיי אויפגעשטאַנען האַלבע נאַכט צו לערנען תורה, און דעם בעל הבית׳ס טאָכטער איז געשטאַנען פאַר זיי און האָט פאַר זיי געמאַכט לייכטן מיט אַ ליכט און זיי האָבן געלערנט.

**דערווייל** האָט רבי אבא אַ קוק געגעבן און האָט געזעהן ווי די טאָכטער פון דעם בעל הבית מאַכט ליכטיק פאַר זיי. האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן דעם פסוק (משלי ו, כג) ״כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר״, די פרוי איז געבאָטן צו צינדן ליכט ערב שבת און נישט דער מאַן, און דער טעם דערפון איז, ווייל די פרוי איז אַנטקעגן די שכינה, און ״תוֹרָה אוֹר״ מיינט מען די תורה וואָס דער מאַן לערנט, ווייל דער מאַן איז באַפוילן געוואָרן צו לערנען תורה, גיט ער אַ ליכטיגקייט און אַ גרויסע באַלייכטונג אין דער דאָזיקער מצוה וואָס די פרוי צינדט שבת-ליכט, קומט דאָך אויס אַז ביידע, סיי דער מאַן און סיי די פרוי, לייכטן מיט דער ליכטיקייט פון תורה און מיט דער ליכטיקייט פון שבת, וואויל איז צו די ווייבער וואָס זענען זוכה צו מענער תלמידי חכמים וואָס לערנען תורה.

**ח. שמעת,** האָט דאָס מיידל געהערט די ווערטער פון רבי אבא און

האָט געוויינט. דערווייל איז איר פאָטער אויפגעשטאַנען און האָט זי געזעהן וויינען, האָט ער זי געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט, אָבער זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט צוליב איר פאַרביטערט האַרץ. האָט איר פאָטער אויך געוויינט.

**האָט** רבי אבא געזאָגט, אויב זי וויינט איז אַ סימן אַז איר חתן איז אַן עם הארץ. האָט דער בעל הבית געזאָגט, יאָ, עס איז אמת (אַז איר חתן איז אַן עם הארץ, און צוליב דעם וויינט זי, ווייל ער וועט נישט קענען באַלייכטן מיט דעם אור פון תורה). נאָר ווייל איך האָב געזעהן ווי ער איז אַמאָל אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ בוידעם צו הערן קדיש אין שוהל, איז אויפגעגאַנגען אויף מיין ווילן צו געבן אים פאַר אַ מאַן צו מיין טאָכטער, ווייל איך האָב געטראַכט, אויב ער קען אַראָפּשפּרינגען פון אַ בוידעם כדי צו הערן קדיש, מוז ער דאָך מסתמא קענען גוט לערנען, אָבער דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער קען אַפילו נישט בענטשן ברכת המזון, און איך קען אים נישט צווינגען צו לערנען תורה און לייענען קריאת שמע און בענטשן.

**האָט** רבי אבא געזאָגט, איך וועל זעהן אַז ער זאָל איר געבן אַ גט (און איר וועט קענען חתונה מאַכן אייער טאָכטער מיט אַ מאַן אַ תלמיד חכם), אָבער אינמיטן זיינע ווערטער האָט רבי אבא צוריקגעדרייט און געזאָגט, אָבער אפשר וועט ער געבוירן אַ זוהן וואָס וועט זיין אַ גרויסער מאַן (אין תורה).

**ט. אדהכי,** אינצווישן איז אויפגעשטאַנען דער חתן און איז צוגעשפּרונגען און זיך געזעצט פאַר זיי. האָט דער חתן געזאָגט, רבי אבא, קוק אויף מיר. האָט רבי אבא געזאָגט, איך זעה אויף דעם יונגען מאַן אַז עס וועט אַרויסקומען פון אים אַ גרויסע ליכטיגקייט אויף דער וועלט (פון אים וועט געבוירן ווערן אַ זוהן וואָס וועט זיין גרויס אין תורה).

**פתח,** האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, מיינע רבי׳ס, איך וועל זאָגן אַ

ווארט. ער האָט געזאָגט דעם פסוק (איוב לב, ו) ״צָעִיר אֲנִי לְיָמִים וְאַתֶּם יְשִׁישִׁים״, אליהוא בן ברכאל האָט געזאָגט צו איוב מיט זיינע חברים, איך בין נאָך יונג אין יאָרן און איר זענט עלטער, ״עַל כֵּן זָחַלְתִּי וָאִירָא מֵחַוֹּת דֵּעִי אֶתְכֶם״, דעריבער האָב איך מיך געפאָרכט פון צו זאָגן אַ דעה אַנטקעגן אייך וואָס איר זענט עלטער פון מיר. ווען אליהוא, וואָס ער איז געווען פון זייער אַ גרויסע און מיוחס׳דיקע משפחה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט עדות (שם, ב) ״מִמִּשְׁפַּחַת רָם״, ער איז געווען פון אַ הויכע און חשוב׳ע משפחה, האָט ער פאָרט נישט געוואָלט רעדן פאַר זיינע חברים, דעריבער האָב איך מיך אויך געהאַלטן קליין פאַר די מענטשן פון דער שטאָט וואָס זענען פיל עלטער פון מיר, און זענען גרויסע תלמידי חכמים, דעריבער איז אַרויפגעגאַנגען אויף מיין דעה נישט צו רעדן אין דברי תורה ביז איצט, און איצט ווייל איר זענט דאָ, איז די צייט צו עפענען מיין מויל צו רעדן דברי תורה, און דער יונגערמאַן האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט פילע סודות התורה.

**י. ואחר כך,** דערנאָך האָט ער זיך גענומען זאָגן צו רבי חייא און רבי אבא, איר זאָלט וויסן, איך קום פון בבל און איך בין דער זוהן פון רב ספרא, און איך האָב נישט זוכה געווען צו קענען מיין טאַטן. איך בין פאַרוואָגלט געוואָרן ביז אַהער, און איך האָב מורא געהאַט ביז איצט צו זאָגן דברי תורה, ווייל אין דער דאָזיקער שטאָט וואוינען מענטשן וואָס זענען גרויס אין תורה אַזוי ווי לייבן, האָב איך דעריבער גענומען אויף זיך נישט צו זאָגן קיין דברי תורה צוועלף חדשים, און היינט האָבן זיך אויסגעלאָזט די צוועלף חדשים. וואויל איז מיין חלק אַז איר זענט געקומען אַהער.

**האָט** רבי יוסי אויפגעהויבן זיין קול און האָט געוויינט, דערנאָך זענען אַלע אויפגעשטאַנען און האָבן געקושט דעם חתן. האָט רבי יוסי געזאָגט, אויב איר וואָלט נישט געקומען אַהער נאָר כדי צו הערן די סודות וואָס זענען פריער אַרויסגעגאַנגען פון דיין מויל, זאָכן

וואָס איך האָב ביז איצט נישט זוכה געווען צו הערן ווען אַלע זענען דאָ געזעסן, איז פאַר מיר שוין גענוג.

**יא. אמר החתן,** האָט דער חתן, דער יונגערמאַן געזאָגט: מיינע רבי״ס, וויבאַלד איך האָב געזען דעם צער פון מיין שווער און דעם צער פון זיין טאָכטער, מיין ווייב, וואָס זיי האָבן זיך מצער געווען מיינעטוועגן אַז איך קען אַפילו נישט בענטשן ברכת המזון און לייענען קריאת שמע, וועל איך מיך נישט באַהעפטן צו מיין ווייב ביז איך וועל פאַר אייך אַנטפּלעקן דעם סוד פון ברכת המזון, די גרויסע און וואונדערלעכע סודות דערפון. האָבן אַלע זיך געפרייט, רבי יוסי און רבי אבא און רבי חייא, און דער שווער און די כלה, זענען אַלע אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און האָבן אים געקושט.

**דערנאָך** האָט רבי יוסי געזאָגט, דאָס איז זיכער אַ חתונה וואָס דער אויבערשטער האָט אַ פאַרגעניגן דערפון, האָבן זיי גענומען די כלה און האָבן איר געבענטשט מיט פילע ברכות. זיי האָבן אויך געהייסן איר פאָטער אַז ער זאָל באַשטימען אַ ספּעציעלן הויז וואו מען זאָל פראַווען די חתונה.

**יב. אמר,** האָט רבי יוסי געזאָגט, מיר וועלן נישט אַוועקגיין פון דעם אָרט ביז מען וועט פראַווען אַ חתונה, און מען זאָל איינזאַמלען אַלע מענטשן פון דער שטאָט צו דער חתונה. זיי האָבן גערופן די כלה און די מענטשן פון דער שטאָט האָבן זיך געפרייט מיט די דברי תורה און מיט דער סעודה פון דער חתונה.

**ביי** דער סעודה האָט דער חתן מגלה געווען גרויסע סודות אין דעם ענין פון די שבע ברכות, און אַלע האָבן זיך זייער געפרייט, און אַלע שטאָט לייט האָבן אויפגענומען דעם חתן פאַר אַ רב און מורא הוראה.

**נאָך** דער חתונה זענען אויפגעשטאַנען רבי יוסי און רבי אבא און רבי חייא און האָבן אים געבענטשט און זענען זיך אַוועקגעגאַנגען

זייער וועג.

**יג. כד מטו**, ווען זיי זענען געקומען צו רבי שמעון בר יוחאי, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט זיי געזעהן. האָט ער צו זיי געזאָגט, איך זעה אַז איר זענט היינט געווען ביי אַ קינד וואָס ער האָט מיט אייך געלערנט גרויסע סודות. וואויל איז אייער חלק. האָבן זיי אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, האָט רבי שמעון בר יוחאי צו זיי געזאָגט, וואויל איז אייער חלק און וואויל איז מיין חלק, ווייל איך געדענק דעם טאָג וואָס רב ספרא, דער פאָטער פון דעם חתן, איז געגאַנגען מיט מיר צוזאַמען און איך האָב אים געבענטשט אַז ער זאָל האָבן אַ זוהן אַ תלמיד חכם, אָבער איך האָב אים נישט געבענטשט אַז ער זאָל זוכה זיין אים צו דערציען, ביז אַהער איז דאָס לשון פון דעם זוהר.

## דער רבי וואָס בענטשט זיין תלמיד מיט קינדער ותלמידי חכמים, זאָל אים אויך בענטשן אַז ער זאָל זוכה זיין זיי צו דערציען

**יד. נלמד מזה**, לערנען מיר פון די ווערטער פון דעם זוהר, אַז אַ תלמיד קומט צו זיין רבי׳ן ער זאָל אים בענטשן, און אַז זיין רבי בענטשט אים ער זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים, זאָל ער אים בענטשן בפירוש מיט דעם לשון אַז ער זאָל זוכה זיין צו דערציען זיינע קינדער און ער זאָל זעהן ביי זיין לעבן דאָס ליכטיקייט פון זיינע קינדער׳ס תורה.

## אַ יונגערמאַן זאָל נישט זאָגן דברי תורה פאַר עמיצן וואָס איז עלטער פון אים

**אויך** לערנען מיר פון דעם זוהר, אַז אַ אינגל זאָל נישט זאָגן דברי תורה פאַר אַן עלטערן פון אים, נאָר ער זאָל הערן תורה פון דעם

מענטש וואָס איז עלטער פון אים, און דאַן וועט ער זיכער הערן אַ זאַך וואָס ער האָט נאָך נישט געהערט, און ער וועט פאַרמערן צו קענען די חכמה פון דער תורה.

**טו. גם נלמד,** אויך לערנען מיר פון דער מעשה אַז מען דאַרף זיך אויסלערנען יחודים, ווייל רב ספרא האָט דאָך געלערנט מיט זיין זוהן דעם חתן יחודים אין ברכת המזון און אין קריאת שמע און אין די חידושי תורה, כאָטש זיין זוהן איז נאָך דאַן געווען יונג אין יאָרן.

## ווי וויכטיק עס איז מקיים צו זיין יעדע מצוה

**נאָך** אַ זאַך קען מען לערנען פון דעם, דאָס וואָס דער פסוק זאָגט (קהלת ח, ה) ״שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע״, דער מענטש וואָס איז מקיים אַ מצוה ווייסט נישט פון קיין שלעכטס, אין זכות וואָס דער בעל אכסניא פון די הייליקע חכמים האָט געזעהן דעם חתן ווי ער שפּרינגט אַראָפּ פון דאַך כדי צו הערן קדיש און ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״, האָט ער געזעהן אַז ער האָט ליב צו טוהן מצוות און ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב צוליב איין מצוה, דעריבער זאָל יעדער מענטש זיין געוואָרנט מקיים צו זיין די מצוות און עוסק צו זיין בתורה, און דאַן וועט דער אויבערשטער אויף אים באַשיצן סיי אין דער צייט ווען ער וועט עוסק זיין דערין און סיי אין דער צייט ווען ער איז נישט עוסק דערין, און ער און אַלץ וואָס געהערט צו אים וועלן האָבן פרידן.

❖ ❖ ❖

# פרק מ״ו

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער חיוב צו האָבן אַ ריינעם גוף ביים דאַווענען. - אויך דאַרף מען זיין געוואָרענט צו האָבן ריינע און שיינע קליידער ספעציעל פאַר׳ן דאַווענען. - זאַכן וואָס זענען מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם אויבערשטן. - די שניידערס דאַרפן זיך היטן פון גניבה. - אַ מענטש זאָל זיך נישט אָנקליידן מיט צוויי בגדים אויף איינמאָל. - די מצוה פון מזוזה, דער עונש פאַר מבטל זיין די מצוה און דער שכר פאַר מקיים זיין איר.**

**א. איתא,** עס שטייט אין די כתבֵי האר״י ז״ל (שער המצוות, סוף פרשת שמיני, דף כ״א עמוד א׳), איינע פון די זאַכן וואָס זענען מעכב די תפילה אַרויפצוגיין ביז צום כסא הכבוד איז, אויב דער מענטש וואָס דאַוונט האָט נישט קיין ריינעם גוף, ער איז פאַרשמירט מיט צואה אָדער מי רגלים.

## שאול המלך האָט אָנגעטוהן אַ באַזונדערן קלייד בשעת ער האָט געדאַוונט, און ווען ער האָט געדאַרפט טוהן זיינע באַדערפענישן האָט ער דאָס קלייד אויסגעטוהן

**נאָך** אַ זאַך דאַרפסטו וויסן, אַז בכלל איז דאָס ריינקייט אַ גוטע זאַך, ווייל ביי דוד המלך עליו השלום שטייט אין פסוק (שמואל א כד, ד) ״וַיִכְרֹת אֶת כְּנַף הַמְּעִיל אֲשֶׁר לְשָׁאוּל בַּלָּט״, און ער (דוד המלך) האָט אָפּגעשניטן ביי שאול המלך דעם עק פון דעם קלייד בשעת ער איז געווען אין בית הכסא. און אַוודאי געוויס אויב דער קעניג שאול וואָלט געווען אָנגעקליידעט אין דעם קלייד וואָלט ער דאָך זיכער געפילט ווי

דוד שניידט אָפּ דעם עק, מוז דאָך זיין אַז שאול האָט אַראָפּגענומען דאָס קלייד פון זיך.

**עס** שטייט אין ספר חסידים (סימן ט׳) אַז דאָס קלייד וואָס שאול המלך האָט געהאַט (וואָס דוד האָט אָפּגעשניטן זיין עק) איז געווען דער אויבערשטער קלייד וואָס שאול המלך פלעגט זיך איינהילן דערין בשעת ער האט געדאַווענט פאַר דעם אויבערשטן׳ס כבוד וועגן, און דעריבער האָט שאול אויסגעטוהן דאָס קלייד ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין בית הכסא.

## די שוהל איז אַ ״בית מקדש מעט״, און דעריבער דאַרף מען דאָרט אַריינקומען מיט שיינע קליידער

**ב. ועל כן,** און דעריבער זענען ערלעכע אידן געוואָרנט, זיי געבן אַכטונג אַז ווען זיי דאַרפן גיין אין בית הכסא ווען זיי קומען דאַווענען, לייגן זיי אַוועק דאָס ספּעציעלע קלייד אינדרויסן, און גייען נישט אַריין מיט דעם ספּעציעלן בגד אין בית הכסא, ווייל די שוהל וואו מען דאַוונט איז אַ ״בית מקדש מעט״, ווי אַ קליינער בית המקדש, און מען דאַרף אַריינגיין אין בית הכנסת מיט שיינע קליידער.

## אין שבת דאַרף מען טראָגן ריינערע און שענערע קליידער ווי אינמיטן דער וואָך

**ספּעציעל** דאַרף דער מענטש זיין געוואָרענט אין דעם טאָג פון הייליקן שבת צו טראָגן ריינע קליידער, ווייל עס שטייט דאָך אין צווייטן פרק פון מסכת חגיגה (דף כ׳ עמוד א׳) אַז רבי יונתן בן עמרם האָט געזאָגט, אויב עס האָבן זיך אויסגעטוישט פאַר אַ מענטש די קליידער וואָס ער טראָגט אום שבת אויף די קליידער וואָס ער טראָגט אינדערוואָכן, און ער האָט זיי אָנגעקליידעט, זענען זיי טמא געוואָרן (אויב ער איז מקפיד צו עסן חולין בטהרה). און דער טעם דערפון איז, ווייל די קליידער פון שבת היט מען בעסער אָפּ ווי די קליידער פון די וואָכן-טעג (און וויבאַלד דער מענטש האָט געמיינט אַז

די בגדים וואָס ער טראָגט זענען די וואָכן-קליידער, האָט ער דאָך נישט מקפיד געווען צו היטן זיי אַז זיי זאָלן נישט טמא ווערן, אַזוי ווי ער גיט אַכטונג ביי די שבת'דיקע בגדים, דעריבער איז דאָ אַ חשש פון טומאה ביי זיי).

## אויך קליידער פון שעטנז זענען מעכב די תפילה

**ג. ויש עוד,** און עס איז פאַראַן נאָך אַ זאַך וואָס איז מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם כסא הכבוד, און דאָס איז שייך אפילו ווען זיין קלייד איז גאָר ריין, אָבער אויב עס איז אַ בגד פון שעטנז, אפילו אויב ער האָט עס אָנגעטוהן בשוגג (ער ווייסט נישט אַז עס איז שעטנז) - ווערט זיין תפילה אינגאַנצן נישט אויסגעהערט און אָנגענומען דורך דעם אויבערשטן, אפילו אויב ער איז מתפלל מיט כוונה.

**דעריבער** דאַרפן די שניידערס אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן נישט גורם זיין אַ שאָדן פאַר די מענטשן וואָס דאַוונען ווען זיי גייען אָנגעטוהן מיט קליידער פון שעטנז, ווייל דאַן וועט אויף דעם שניידער זיין אָנגעהאָנגען די זינד פון אַ סאַך מענטשן.

## אויך קליידער פון גזל זענען מעכב די תפילה

**ד. ויש עוד,** און עס איז פאַראַן נאָך אַ זאַך וואָס איז מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם כסא הכבוד, אפילו אויב דאָס קלייד איז ריין פון יעדע אומריינקייט, און אפילו אויב דאָס קלייד איז נישט אויסגעמישט פון שעטנז, אָבער אויב עס איז נישט ריין פון דעם זינד פון גזל, דהיינו, אויב די פרנסה פון דעם מענטש וואָס טראָגט דאָס קלייד איז דורך פאַלשקייט און דורך זאָגן ליגן, און ער באַקליידט זיך מיט שיינע קליידער און האַלט זיך גרויס מיט זיי, אַזעלכע קליידער ווערן אָנגערופן דורך די נביאים מיט דעם נאָמען "בֶּגֶד בּוֹגְדִים" (ישעיה ד, טז), דאָס קלייד פון די פעלשערס.

**יעדעס** מאָל ווען דער מענטש טוט אָן אַזאַ קלייד צום דאַוונען, דערוועקט עס זיינע זינד, און מען וואַרפט זיין תפילה פאַר די חיצונים רחמנא ליצלן, וויי איז צו אים און וויי איז צו זיין נשמה.

**אפילו** ווען דער מענטש האָט נישט ממש געַ׳גזל׳ט דאָס קלייד נאָר ער האָט נישט באַצאָלט דעם שניידער פאַר זיין אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין, און אפילו אויב דער שניידער האָט אים נישט געמוטשעט ער זאָל אים באַצאָלן, נאָר ער ווייסט אַליין אַז דער שניידער וויזט אים אַרויס אַ שיין פנים קעגן זיין ווילן (ווייל ער האָט אים נישט באַצאָלט) און ער מוז נעמען וואָס ער גיט אים, אָדער ער האַלט סתם צוריק פון צו באַצאָלן די לוין פון דעם געדונגענעם אַרבעטער, וואָס דאַן קען ער קומען געשטרויכלט צו ווערן מיט די זינד פון גזל, און דער אַרבעטער קוקט דאָך אַרויס אויף דעם געלט, טאָר מען אַזוי נישט טוהן, צוריקהאַלטן די לוין פון דעם אַרבעטער אָדער אים נישט צו באַצאָלן די גאַנצע לוין פאַר זיין אַרבעט, נאָר ער גיט אים ווייניקער ווי עס קומט אים, און דער פסוק זאָגט (ויקרא כה, נה) ״כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, עֲבָדַי הֵם״, צו מיר זענען די אידן קנעכט, זיי זענען מיינע קנעכט. וועגן דעם איז זיין שטראָף אַ גרויסע (און ווי איך האָב שוין ערקלערט אויבן אין צענטן פרק פון דעם ספר, זעה דאָרט).

### דער אַרבעטער טאָר נישט קאַליע מאַכן דאָס קלייד, אָדער נעמען פאַר זיך וואָס עס בלייבט איבער

**ה. וכשם,** און פונקט אַזוי ווי דער בעל הבית דאַרף זיין געוואָרנט צו באַצאָלן די לוין פון דעם אַרבעטער צייטלעך און געהעריק, אַזוי דאַרף אויך דער אַרבעטער זיין געוואָרנט נישט קאַליע צו מאַכן דאָס קלייד און נישט צו נעמען גאָרנישט דערפון אַפילו אויב עס איז איבערגעבליבן, נאָר ער זאָל צוריקגעבן צו דעם בעל הבית אַפילו אַ קלייניקייט פון דעם קלייד.

**און** איצט איז לייִדער פאַרשפּרייט געוואָרן די זינד פון די שניידערס וואָס גנב׳ענען, און צוויי שלעכטע זאַכן טוהען זיי: ערשטנס, זיי מאַכן קאַליע די קליידער, און דאָס צווייטע, זיי זענען עובר אויף דעם לאו פון ״לֹא תִּגְנֹוב״, און דער דאָזיקער איסור ווערט ביי זיי אין די אויגן ווי אַ היתר, און זיי טוהען אַפילו נישט צו זייער האַרץ חרטה צו האָבן און זיך מתוודה צו זיין דערויף, ווייל זיי זענען שוין אַזוי איינגעוואָרצלט אין דער עבירה, און זיי ווייסן נישט ווי האַרב די שטראָף דערפאַר איז.

**ו. על כן,** וועגן דעם וואָרן איך אָן יעדן שניידער וואָס איז געשטרויכלט געוואָרן מיט די דאָזיקע עבירה: זאָל ער תשובה טוהן דערויף און ער זאָל צוריקגעבן צו דעם מענטשן וועמען ער האָט באַ׳גנב׳עט אָדער בא׳גזל׳ט׳, אָדער ער זאָל מאַכן דערפון פאַר צרכי רבים, אַ סאַך מענטשן זאָלן האָבן אַ נוצן דערפון, ווייל די חז״ל זאָגן (סנהדרין דף ק״ח עמוד א׳) אַז צוליב די זינד פון גזל זענען די מענטשן פון דור המבול געשטראָפט געוואָרן.

**ז. וראיתי חייט,** און איך האָב געזען אַ שניידער אין דער הייליקער קהילה פון בריסק אין מדינת ליטא, וואָס פאַר זיין טויט האָט ער באַפוילן פאַר די חברה קדישא אַז פון זיין טיש וואָס ער האָט געהאַט אין זיין הויז, זאָלן זיי מאַכן פאַר אים אַן אָרון, און דער מעסטער מיט וועלכן ער האָט אָפּגעמאָסטן די קליידער ביים שניידן, זאָלן זיי אַריינלייגן אין זיין האַנט איידער זיי וועלן אים באַגראָבן.

**האָבן** די חברה קדישא לייט אים געפרעגט פאַרוואָס ער באַפעלט זיי אַזוי צו טוהן, און ער האָט געענטפערט, אַז דער טיש און דער מעסטער וועלן פאַר אים עדות זאָגן אַזוי ווי צוויי באַגלייבטע עדות פאַר דעם בית דין של מעלה, אַז אַלע זיינע טעג האָט ער גאָרנישט גע׳גנב׳עט ביי דער אַרבעט. וואויל איז צו דעם דאָזיקן שניידער, וואָס

ער האָט געוואָלט הנאה האָבן נאָר פון זיין אַרבעט וואָס ער האָט זיך באַמיט מיט זיינע הענט, און נישט פון גזל.

## מ'דאַרף זיין געוואָרענט נישט אָנצוטוהן צוויי קליידער אויף אַמאָל, ספּעציעל ביי די בגדי שבת

**ח. עוד יש,** נאָך אַ זאַך איז דאָ וואָס איז מעכב יעדע הייליקע זאַך, ווען דער מענטש טוט אָן צוויי קליידער אויף איינמאָל, דאָס מיינט מען, ווען איין קלייד איז אין דעם צווייטן קלייד. מיר האָבן אַ קבלה פון די תלמידים פון דעם אר"י ז"ל (עיין פרי עץ חיים, שער התפילה, פרק ב') אַז דאָס איז זייער שלעכט פאַר די מעשים פון דעם מענטש, ווייל דורך דעם וואָס ער טוט אָן צוויי קליידער מיט איינמאָל, האָט די סטרא אחרא אַ שטיקל רשות זיך צו דערנענטערן צו אים חס וחלילה.

**ספּעציעל** דאַרף מען אַכטונג געבן מיט די קליידער וואָס מ'טוט אָן אין שבת, ווי ערקלערט, ווייל די סטרא אחרא דרייט זיך אַלץ אַנטקעגן דעם מענטש כדי זיך אָנצוקלעבן אין אים, און ספּעציעל אין די בגדי שבת.

**ט. על כן,** דעריבער האָט דער אר"י ז"ל געזאָגט (עיין פרי עץ חיים שער השבת, פרק ג') אַז אַ מענטש דאַרף זאָגן בשעת ער טוט אָן די קליידער פון שבת, דעם פסוק (ישעיה נד, יז) "כָּל כְּלִי יוּצַר עָלַיִךְ לֹא יִצְלָח, וְכָל לָשׁוֹן תָּקוּם אִתָּךְ לַמִּשְׁפָּט תַּרְשִׁיעִי, זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי ה' וְצִדְקָתָם מֵאִתִּי, נְאֻם ה'", יעדע כלי וואָס מ'וועט פּראָבירן אַרויפצולייגן אויף דיר וועט נישט מצליח זיין, און יעדע צונג וואָס וועט אויפשטיין מיט דיר פאַר אַ משפט וועט באַשולדיקט ווערן, דאָס איז די אַרבטייל פון די קנעכט פון דעם אויבערשטן און זייער גערעכטיקייט קומט אַרויס פון פאַר מיר, זאָגט דער אויבערשטער.

## מ׳דאַרף גיין אָנגעטוהן מיט ריינע קליידער אויך נישט ביים דאַווענען, ווייל די קדושה רוהט נישט אויף אַ פאַרשמירטן אָרט

**אויך** איז גוט צו זאָגן דעם דאָזיקן פסוק ווען מען טוט אָן דעם אויבערשטן מלבוש צום דאַווענען, און עס איז אַ גרויסער חיוב אויף דעם מענטש גוט נאָכצוקוקן אויף זיינע קליידער אַז זיי זאָלן זיין ריין אויך נישט בשעת דעם דאַווענען, ווייל די קדושה רוהט נישט אויף אַן אָרט וואָס איז פאַרשמירט און שמוציק.

## מ׳דאַרף האַלטן ריין דאָס אָרט אַרום דער מזוזה אויף דער שוועל פון דער טיר

**ולכן,** און צוליב דעם איז אויך אַ חיוב אויף יעדן איד אַכטונג צו געבן אַז דאָס אָרט אַרום דער מזוזה זאָל זיין גאָר ריין, און ווי עס שטייט אין זוהר (חלק ג׳, דף רס״ג עמוד ב׳) אַז דער ענין פון דער מזוזה אין די אידישע הייזער איז כדי דער מענטש זאָל געדענקען דעם חסד פון דעם אויבערשטן, אַז דער אויבערשטער היט די טירן פון די אידן, און זייער דערמאַנונג איז שטענדיק פאַר אים, און דורך דעם וועט אויך דער מענטש קיינמאָל נישט פאַרגעסן די מצוה פון דעם אויבערשטן, און זעה וואָס איך האָב געשריבן אויבן אין ערשטן פרק וועגן דער שמירה פון דער מזוזה.

## ווען דער ש״ד זעהט דעם שם שד״י אויף דער מזוזה, קען ער נישט מזיק זיין

**י. ומצאתי כתוב,** און איך האָב געפונען געשריבן אין נאָמען פון שלמה המלך׳ס ספר (זוהר, שם), אַז עס איז פאַראַן אַ ש״ד וואָס רוהט ביי דער טיר און ער וויל שעדיקן יעדן איינעם וואָס קומט אַריין אין דעם הויז, און ווען דער ש״ד זעהט דעם שם שד״י אויף דער מזוזה, קען ער נישט שעדיקן.

**דעריבער** זאָל מען נישט אויסגיסן שמוציק וואַסער ביי דער מזוזה, צוליב צוויי טעמים: דער ערשטער טעם - כדי נישט צו פאַרשעמען דעם הייליקן נאָמען פון דעם באַשעפער פון דער וועלט. דער צווייטער טעם - אויב ער גיסט דאָרט אויס שמוציק וואַסער, האָט דער ש״ד רשות צו שעדיקן חס ושלום, אָבער ווען עס איז ריין אַרום דער מזוזה, און דער מענטש האָט ליב די מזוזה און קושט עס ווען ער גייט אַרויס און אַריין אין דעם הויז, מוז דער ש״ד בענטשן דעם מענטש אַנטקעגן זיין ווילן, און ער זאָגט דעם פסוק (תהלים קיח, ב) ״זֶה הַשַּׁעַר לַה׳, צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ״, דער דאָזיקער טויער איז צו דעם אויבערשטן, די צדיקים זאָלן אַריינקומען אין אים.

**יא. אבל בר,** אָבער דער מענטש וואָס האָט חס ושלום נישט קיין מזוזה אויף זיין טיר, האָט דער ש״ד רשות צו שעדיקן ח״ו, ווי איז צו אים, ווייל ער וויל זיך שפּאָרן אַביסל געלט צו קויפן אַ מזוזה, און אויף זיין גוף האָט ער נישט קיין רחמנות, און ספּעציעל אַז די קינדער שטאַרבן פון דער קראַנקהייט וואָס ווערן גערופן ראַבלי״ס (פּאָקן) רחמנא ליצלן, צוליב דער זינד פון נישט לייגן אַ מזוזה, (אָדער) ווייל ער האָט נישט קיין מזוזה אין זיין הויז אויף די טויערן פון אַלע זיינע צימערן.

**און** צוליב דעם טעם שטייט נאָענט דער פסוק (דברים יא, כ) ״וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ״, און דו זאָלסט זיי אויפשרייבן אויף די שוועלן פון דיין הויז, און אין דיינע טויערן, און עס שטייט נאָך דעם (שם שם, כא) ״לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם״, כדי עס זאָלן פאַרמערט ווערן אייערע טעג און די טעג פון אייערע קינדער, און אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אין פרק במה מדליקין (שבת דף ל״ב עמוד ב׳) אַז צוליב די זינד פון נישט מקיים זיין די מצוה פון מזוזה און צוליב נישט מקיים זיין די מצוה פון ציצית שטאַרבן די קינדער ווען זיי זענען נאָך קליין, און די רבנים און מנהיגים פון פאָלק דאַרפן אַכטונג געבן דערויף, און יעדער איינער וואָס איז געהיט מקיים

צו זיין די מצוה פון מזוזה ווי געהעריק, וועט זוכה זיין צו דעם וואָס דער פסוק זאָגט (משלי ח, לד-לה) ״לִשְׁמֹר מְזוּזֹת פְּתָחָי, כִּי מוֹצְאִי מָצָא חַיִּים״, צו היטן די מזוזות פון מיינע טויערן, ווייל דער וואָס געפינט מיך (די מצוה פון מזוזה) וועט געפינען לאַנג לעבן, אמן.

❖ ❖ ❖